# אונזערע געזאנגען

## לידער פון אונזער צייט



ע. גראס

פרייז: 2 פעזעס

Baruj

Shalom.

Te envío el librito que publicó mi suegro [illegible].

Él siempre decía que no se considera poeta. Simplemente escribe lo que siente y para que quede una constancia.

Un abrazo

Abraham

# א פאר ווערטער צום לייענער:

דער רייניער פארדינסט פון דעם באשיידענעם ביכל "אונזערע נעזאנגען" איז באשטימט, אלס מיין פערזענליכער בייטראג צום קאמפיין פון הילף פאר אונזערע אומגליקליכע ברודער אין די חרוב'ע לענדער אין אייראפא.

איר וועט געוויס אויסגעפינען, אז מיינע לידער קאנען נישט געמאסטן ווערן מיט דער מאס פון פאעזיע ווייל זיי זיינען טעכניש ניט פערפעקט, לויט די כללים וואס זיינען אנגענומען פאר פאעטישע שאפונגען.

וויל איך אייך נאר זאגן, אז איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין ליטערארישע פרעטענזיעס, און אין אלץ וואס כ'האב ביז היינט געשריבן, האב איך בלויז געוואלט אפשפיגלען די צייט-געשעענישן פון אונזער נאענטן עבר און אויסגעדראמט די אידישע ווייטיקן און טרערן, לויט דער שטימונג וואס זיי האבן ביי מיר ארויסגערופן, בשעת דער גרוילינקסטער צייט וואס אונזער פאלק האט איבערגעלעבט....

איך זינג טאקע נישט מיט "דיקדוק" און, "וויין נישט ליטעראריש" — ווי עס האט זיך אמאל באקלאגט א יונגער שרייבער, — אז מ'האט אים צוריקגעוויזן זיינע לידער, וואס ער האט אריינגעשיקט צו א געוויסן זשורנאל, דאך — אין פאל פון מיינע באשיידענע גראמען — פיל איך, אז דער חשוב'ער לייענער וועט קאנען אפשאצן דעם דאקומענטאלן ווערט פון דעם דאזיקן ביכעלע און וויסנדיק פאר וועלכן צוועק די הכנסות גייען, העלפן עס פארשפרייטן אין וואס א גרעסערער צאל.

מיט דרך ארץ

ע. גראס



געווידמעט:

דעם הייליקן אנדענק פון מיין אומ־
פארגעסלעכן פאטער ר׳ משה גראס
און אלע אומגעקומענע קדושים אין
די קאנצענטראציע לאגערן פון דער
פארבלוטיקטער אייראפע.

# אל מלא רחמים

•

גאט פון רחמנות
פארוואס זאלן קללות
ווערן מקוים אויף מענטשלעכן מין
קען רען דאס שלעכטע
דערוועקן אין מענטשן
פון בעסערן לעבן
דעם העכערן זין?...

דו האסט דעם מענטש
לויט דיין צורה באשאפן,
געבענטשט אים מיט שכל און מיט
פארשטאנד
פארוואסזשע זאל איינער
דעם צווייטן פארשקלאפן
אנשטאט זיך צו העלפן
און גיין האנט ביי האנט?

גרויס איז דיין וועלטן
דו, אל מלא רחמים
נאך גרעסער דער כח
וואס האט זי שאפן געקענט
פעלקער צושטערן זיך
מעכטיקער פאטער
און דו זעסט אלעם צו
און פארלייגסט נאר די הענט?...

קאן דען א פאטער
פארלאזן דאס קינד זיינס
דאס איינציק געצערטלטע קינד
צו האסטו חרטה
אויף מעשה בראשית
און ס'קאן צוליב דיר
אלץ אוועק מיטן ווינט?...

עס לאזט זיך ניט גלויבן
פאטער אין הימל,
אז דו ביזט גלייכגילטיק צו דיין גרויסן
— ווערק;
און דער געראנגל
פון מענטש אויף דיין וועלטל
זאל פאר דיר דורכגיין
גאנץ אומבאמערקט!...

הער אויס מיין תפילה
גרויסער באשעפער
זאלסט נישט פארגעסן אין
מענטשלעבן מין
העלף אים זיך ליטערן
דורך באוואוסטזיין
צו א בעסערן לעבן
פון א העכערן זין!...

# אויף אַלע וועגן

אידן פֿול אויף אַלע וועגן,
אין אַלע עקן וועלט צעשפּרייט,
צוועלף מיליאָן אידן לעבן
זעקס מיליאָן זענען שוין טויט!...

אויף די פעלדער פון מיידאַנעק
מאַסן קברים גרויליק אויף
און די וואָס געבליבן לעבן
קוקן נאָט צו דיר אַרויף...

גרויסער האַר פון אַלע וועלטן
שטענדיק ביזטו דאָך געדעכט
בעט איך דיר מיט הייסע טרערן:
הער די תפילה פון דיין קנעכט!...

מיר האָבן זיך אנגעליטן
געַנוג דורך צוויי טויזנט יאָר,
האָבן מיר אַזוי געזינדיקט
זאָלסט ווייזן אונז א האַרץ פון שטאָל?...

מזכה געווען אונז מיט תורה —
האָבן מיר זי נישט געפאָלגט..
האָסטו אָנגעשיקט אונז שונאים
און זיי האָבן אונז פאַרפאָלגט...

די תוכחה אויסגעגאָסן
האָסטו אויף אונז גרויסער נאָט
ווייל מיר האָבן נישט געטראָגן
דעם עול פון דיינע "צען געבאָט"...

נו, און וואו איז דיין רחמנות
ביז וואַנען איז נאָך פאַרט דער שיעור?
ס'איז דען נאָכנישט פול דער בעכער
נישט גענוג נאָך? כ'פרעג ביי דיר...

בעט איך דיר, מיין האַר אין הימל,
לאָז שוין אָפּ דיין טייער פאָלק —
שטראָף אויך אונזערע תליינים
מאַך צווישן זיי אויך א טאָלק!!!

●

# העלפט!

•

טויזנטער עלנטע שוועסטער און ברידער
ווילן צום לעבן זיך אומקערן ווידער,
נאך יארן פון פיין און בלוטיקע רדיפות
ווען מענטשלעכער מין האט פארלוירן זיין יחוס...

עס זיצן אוןווארטן, די הימלאזע נעבעך
די הילף פון די ברידער, וואס האבן בריות,
פרנסה און רו, פאר זיך און פאר קינדער —
און ס׳האט זיי פארמיטן דאס פייער פון צינדער...

די קאמער פון גאזן און טויזנטער מיתות
דורכגעפירטע פון נאצישע ריחות —
נו, קאנען מיר בלייבן, פארלייגט די ארעמס
שטום און ניט ענטפערן דעם געשריי פון די קברים?...

מיליאנען נפשות צושטויבט און צוריבן
בעטן פאר די, וואס זענען פארבליבן —
העלפט זיי וואס גיכער, פארזארגט זייער מארגן,
אין נאמען פון די, וואס זענען געשטארבן!...

•

# וואנדערער

מ'יר זענען א וואנדער פאלק
אויף לענדערס אלע קאנטן
זעט די וועלט שוין דורות לאנג
אידישע עמיגראנטן

וואו א ווינקל אויף דער וועלט
איז אידנס בלוט גערונען,
אין יעדן דארף, אויף יעדן פעלד
ווערט איד א איד געפונען —

באגאסן די וועלט מיט זיין שוויים
געבויט שטעט און דערפער
זיי באריי׳כערט מיט זיין גייסט
פארטיידיקט מיט זיין קערפער...

באטייליקט זיך אין יעדער שלאכט
גענעבן בלוט אין שטראמען
און דאך, ווייל נישט קיין שום מאכט
דעם קרבן אנערקענען...

הפקר איז נאך אידיש בלוט
אויף לענדערס אלע קאנטן,
עס וואלגערן אלץ נאך איבער וועלט
אונזערע עמיגראנטן.

טויערן זיינען אלץ פארהאקט,
קיין אויסוועג נישט פאראנען,
ס'איז א שאד צו ווארטן נאר,
אז וועלט זאל זיך דערמאנען.

אז מיר זיינען אויך א פאלק
זיי זאלן אונז רעכטן געבן,
מיר מוזן אויסקעמפן אליין
אונזער רעכט צום לעבן!

AND^te Wanderlid    Letra: E. Gross.
Musica: B. Feuer.



# הבטחות...

ווייל איז אונז אידן, מיר דארפן נישט קלאגן,
מ'איז אונז מבטיח: מ'וועט מער נישט שלאגן...
מיר האבן די ברירה צו טאן וואס מיר ווילן,
און מעגן שוין דאווגען איןביידע פאר תפילין..

מיר קאנען זיך שמד'ן, אויך אסימילירן,
מיר האבן שוין — זאגן זיי — נישט וואס צו פארלירן...
מיליאנען קדושים מיר האבן געגעבן —
שפילט דען א ראלע דאס אידישע לעבן?...

נו, איז מען מבטיח — זאלן מיר גלויבן?
דאס אידישע פאלק דארף אליין זיך דערהויבן —
נישט קוקן אוןווארטן אויף נייע הבטחות
אין איינעגעם קאמף בלויז קען זיין מזל-ברכה!...

# נעכטן און היינט...

●

נעכטן...

בשעת היטלער האט געהאלטן אונז אין שעכטן
האט די וועלט געשוויגן
און ס'האט נישט געפעלט,
ווער עס האט געזאגט: עס איז א ליגן
אונזער טיפער ווייגעשריי..
"שטענדיק הערט מען זיי נאר קלאגן
אז מ'האלט זיי אין איין שלאגן
נאר מ'קוילעט זיי!..."

היינט....

זיינען זיי אונז "פריינט":...
זיי האבן געזען די אויוונ'ס
וואו מ'האט אונזער פאלק געברענט
די קאמערן פון גאז
וואו מ'האט מיליאנען מענטשן אויסגעשטיקט
האט די וועלט דערזען דעם אמת
און מיטגעפיל אונז אויסגעדריקט...

נעכטן...

האבן זיי פארשפראכן צו פאריכטן, —
גוט מאכן די פילע ליידן
העלפן שאפן אונז א היים;
היטן אונז און אויך פארמיידן
צרות נייע — נייעם פיין....

היינט...

קוקן מיר דער וועלט אין פנים
און פרעגן: וואס וועט ווייטער זיין?!..
קיינער רירט נישט פון זיין ארט זיך
יעדער זאגט: נו, און וואס ארט מיך
אז דער איד וועט אונטערגיין?...

היינט און נעכטן — נעכטן - היינט
מיר האבן נישט קיין גוטע פריינט,
ווייל אזוינע קען נאר האבן
ווער עס קאן דעם גייסט באגראבן
וויזן וועלט א פויסט!...

זאלן מיר צוזאמענפלעכטן
אונזער היינט מיט אונזער נעכטן
אין דער גאנצער גרויס,
פעלקער זאלן אונז דערפילן
אויפהערן מיט אונז זיך שפילן
ווי עס שפילט זיך קאץ און מויז!...

# דור הפלגה

•

מיט טויזנטער יארן צוריק,
(אזוי דערציילט אונז די לעגענדע)
האבן מענטשן באשלאסן
צו מאכן אן ענדע
צום סוד בראשית...
און האבן געטראכט זיך,
אז: ראשית,
וועלן זיי בויען א טורעם א הויכן
ער זאל די הימלען דערגרייכן...
דערנאך איהם פארנעמען, באזעצן
שטעלן גאט צום משפט,
שאפן אייגענע געזעצן...
און פירן די וועלט אויף אייגענעם חשבון
צום אייגענעם נוצן...
זיי האבן געגלויבט
צו קאנען אליין זיך באשאפן,
אליין זיך באשיצן...

די היינטיקע מענטשן
(און דאס איז שוין נישט קיין לעגענדע)
האבן שוין באהערשט
דאס וואסער און דאס פייער
און דער אלטער גאט אין הימל
האט שוין איבער זיי קיין דעה...
זיי שאפן געטער אייגענע
פאר יעדער זאך באזונדער
און גלויבן צו באווייזן
נאך גרעסערע וואונדער..

אין יענע צייטן
פונקט ווי היינט
האט דער מענטש דעם גרעסטן פיינט
געהאט אין — זיך אליין
זיין פארשטאנד איז נאך צו קליין
ער זאל קאנען גוט פארשטעהן
די סודות פונ׳ם ז י י ן.

און די שטראף איז שוין געקומען
גלייך ווי דאן אין יענער צייט;
מענטשן קענען ניט פארנעמען
פארשטייען נישט דעם צווייטנס רייד...
פארשידן זענען די לשונות
רוי איז נאך דעם מענטשנ׳ס גייסט
ס׳איז דער זעלבער דור הפלגה
די וועלט געפינט פאר זיך קיין טרייסט.

דער סוד פון בראשית
אז נאך נישט אנטדעקט
דער גורל פון וועלט
איז נאך נישט אנטדעקט
עס הערשט ניט קיין שלום
ווייל דער מענש, שוואך און קליין
קריכט אין די הימלען
איידער ר׳קען זיך אליין..

# צו מיין שוועסטער
# אין בוכנוואַלד

•

געווען ביזטו דאַן נאָך אַ קליין קינד אין וויגל
ווען מיך האָט דער גורל אַהערצו פאַרוואָרפן
דיין צוקונפט האָסטו נישט געקענט זען אין שפּיגל
און איך האָב דאָ געקעמפט מיטן לעבן דעם שאַרפן...

דו ביזט געוואַקסן, אַ שלאַנקע, אַ שיינע
און איך האָב געאַרבעט פאַר היינט און פאַר מאָרגן,
נאָר ווער פון אונז ביידע האָט געקאָנט וויסן,
וואָס ביטערער מזל האָלט נאָך פאַרבאָרגן...

דער וועלט־תּליון היטלער מיט זיין בייזער ממשלה
האָט דיך אָפּגעריסן פון היים און געשוויסטער
דיין יוגנט צעבראָכן, דעם קערפּער פאַרמאַטערט
געוואָרט האָט אויף דיר, אַ לאַגער אַ וויסטער...

אין בוכנוואַלד וואו ס'איז אַ קבר פאַר אידן,
וואו טויזנטער האָבן געלאָזט די נשמה
דאָרט ביזטו מיין שוועסטערל לעבן געבליבן,
און קרוב אַן גואל, און זוכסט אַ נחמה...

האב איך געלייענט אין צייטונג דיין נאמען
דו גארסט מיט די ברידער אין באַרירונג צו קומען,
איינער אין ברוקלין, אין ארגענטינע — דער צווייטער
און דו׳ביזט אין דייטשלאַנד, נ׳וואס וועט זיין ווייטער?...

וואו איז דער טאַטע דער אַלטער, דער מידער,
און וואס איז געווארן מיט די אַנדערע דריי ברידער?
לעבן זיי, צו זיינען זיי חלילה קדושים
פארברענט אין די אויוונס, אן סימן, אן רושם?!

דו ביזט די איינציקע פון דער משפחה
פון וועמען מיר האבן א סימן פון לעבן —
דער טאטע, די ברידער האבן ביז איצט נאך
פון זייער גורל, קיין צייכן געגעבן...

שרייב איך און פרעג, צי איך האב נאך צו וועמען...
און איך וועל נאך זוכן אין צייטונג די נעמען...
אפשר געפין איך דעם טאטן, די ברידער
צו קאנען אייך אלע צונויפפירן ווידער...

מיר זאלן נאך קאנען לעבן בשלום
כ׳האב אבער מורא, ס׳זאל נישט זיין בלויז א חלום
זיי זאלן אין בוכנוואלד נישט האבן פארשוואונדן,
נאך הונגער, נאך פיין, נאך ליידן און וואונדן...

# פון מיין ברודער

•

דורך פינסטערע וועגן פון דערנער און קברים
האב איך געוואנדערט מיט ווייב און מיט קינדער
דער גוף און דער גייסט, זענען קראנק פון יסורים,
איצט בין איך שוין פריי — נו, וואס טוט מען אצינדער?...

איך בין שוין צוריק אין מיין היימשטאט דער אלטער
און וויל נאך דערציען דאס רעשט ביסל לעבן,
די שטאט — כמעט ליידיק, די סביבה — א קאלטע,
נישטא שוין ביי אונז וועמען שלום צו געבן...

אוועק איז דער שונא פון אונזערע טויערן,
ער האט אבער איבערגעלאזט דא זיין זאמען
אומזיסט האבן מיר דא די יארן פארלוירן
געראטעוועט זיך פון בלוט און פון פלאמען...

מיר האבן נאך אלץ נישט קיין מקום מנוחה
מיר זענען אלץ נאך נישט פריי פון פאגראמען —
דאס אידישע פאלק איז אלץ נאך נישט זיכער,
אז מארגן זאל ווידער נישט אויפשטיין א המן...

ימים מיט בלוט און מיט טרערן פארגאסן,
האט אונזער פאלק מיט פעלקער צוזאמען,
דאך בלייבן פאר אידן די טויערן פארשלאסן,
ווען אונזערע רעכט, ווייל זיך וועלט נישט דערמאנען...

מיר זיינען שוין מידע פון פוסטע הבטחות,
פון פעלקער וואס האבן געוואלט אונז פארזארגן
און אנשטאט צו העלפן, ווי אויף צו להכעיס,
פארביטערן זיי אונז דעם היינט און דעם מארגן...

אזוי האט געשריבן מיין ברודער פון דארטן
גערופן מיט טרערן צו אונזער געוויסן:
קעמפט אויס פאר אונז רעכטן, מיר קאנען נישט ווארטן
מיר ווילן פון לעבן אויך נאך געניסן...

הויבט אויף אייער קול און אין מעכטיקע שטראמען
גיסן זאל זיך, ווי דאס בלוט, אונזער צארן
עפנט די אויגן פון פארבלענדעטער מענטשהייט
זאלן זיי זען, וואס פון אונז איז געווארן!...

# זיי לעבן!...

•

געווען א גרויסע פארצווייגטע משפחה
געלעבט און געארבעט פיל יארן צופרידן,
איינער ביי האנדל, דער צווייטער — מלאכה
ווי אמאל און ווי היינט עס לעבן זיך אידן...

געגאנגען שבתים צו גאסט איינס צום צווייטן
צו פעטערס און מומעס און אנדערע קרובים;
געשטרעבט, אז די קינדער זאלן קומען צו לייטן
און געדאנקט און געלויבט יעדן טאג דעם פון אויבן...

ביז ס'איז אנגעפאלן אויף וועלט א בהלה
און אויף אידישן פאלק א שרעקלעכער צארן
ס'האט געבליצט איבער אונזערע קעפ היטלערס קללה,
מיר זענען מיט וועלט במעט חרוב געווארן...

זעקס מיליאן ברידער און שוועסטער פארלענדטע
און דער סך־הכל פון מערדערס ממשלה,
מיט גאזן דערשטיקטע אין אויוונס פארברענטע
איידער די רוצחים האבן געכאפט די מפלה...

און דארט איז פארשוואונדן מיין טאטע דער אלטער,
און הונדערט נפשות נאך פון מיין משפחה;
זייער אייביקע רו — א קבר א קאלטער,
און אונזער טרייסט — א פוסטע הבטחה...

אט וועט מען באזארגן, מ׳וועט שוין פארגעלטן,
פאר שרעקליכע ליידן פון אידישע ברודער;
מ׳רעדט און מ׳טומלט, מ׳קערט איבער וועלטן
און ס׳גייען חדשים און יארן פאריבער...

מיר האבן ידיעות פון שארית הפליטה
עס זוכן זיך איינצעלנע אפ פון משפחות —
זיי לעבן!... געראטעוועט זיך פון דער שריפה,
די שונאים פון אידישן פאלק צו להכעים...

א ברודער, זיין פרוי און דריי קינדער זיינע
זענען פון חורבן ניצל געווארן,
שרייבט ער מיר: ברודער, איינציקער מיינער,
מיר לעבן, מיר זענען ווי נייע געבוירן...

נאקעט און ארעם, שוואכע אן כח
ווענד איך זיך איצטער צו דיין געוויסן,
איך רוף צו דיין הארצן און צו דיין מח
מיר ווילן נאך אויך פונם לעבן געניסן!...

אזוי האט מיין ברודער זיין הארץ אויסגעגאסן
איך וואלט פאר זיי גערן די נשמה געגעבן —
נאר ס׳זענען פאר אידן די טויערן פארשלאסן,
מוז איך זיך טרייסטן דערמיט, אז — זיי לעבן...

# ואלה המשפטים

•

עס ווערן נאך אַלץ געפירט גרויסע משפטים
פאַר גרוילן־פאַרברעכנס, מיט שרעקלעכע פּרטים
עס שטייען ביים משפט סיי גרויסע, סיי קליינע
מ׳לופטערט דאָרט דורך, זייערע מעשים די שיינע...

עס זיצן פאַרברעכער געשמידטע אין קייטן
און זעלנער באַוואַכן זיי פון אַלע זייטן
אַקעגן — די ריכטער, זיי הערן די טענות
פון היטלער׳ס פאַרברעכער, — די ברואים די פיינע...

אַט זיינען זיי בלויז די נשמה נאָט שולדיק
די נימאוס׳ע מערדער, זיי זיצן געדולדיק,
וואַרטן אויף יושר און זיי דערציילן:
„מיר האָבן בלויז אויסגעפאַלגט הימלער׳ס באַפעלן

און טאמער דארט רעדט מען, פון אידן פארשמייסן
‚צענדליקער מענטשן, דורך בלוט־הינט צורייסן...
הונדערטער טויזענט, פארשקלאפן דערדריקן,
מיליאנען אומשולדיקע דורך גאזן דערשטיקן...

"עט... ס׳איז א גוזמא, ס׳איז אנדערש די מעשה
מ׳וויל זיי נאר זעצן אויף קוילן אויף הייסע...
דאס ארבעטן אידן, זיי טומלען און שרייען
באטש נעם און באשאף זיי — א יושר א נייעם.

זיי זענען קיינמאל מיט גארנישט צופרידן
אט ווילן זיי נאר, — א מדינה פאר אידן.
עס זיצן די שופטים, ערנסטע, פרומע
אויף זייערע פנימ׳ער, א פראגע א שטומע:

די רוצחים די ווילדע זיי קאן מען דערשיסן
און דאס קאפיטל, אויף אייביק אפשליסן...
נאר, ווי קאן מען פארמיידן די אידנס געשרייען
אפשר נאר לוינט זיך די הענקער באפרייען?...

זיי האבן צו אידן א גרויסע הצלחה
די קונץ פון פארשטומען איז — זייער מלאכה...
איז טאקע שווער אן אורטייל צו געבן
ביז אידן פאדערן, אויך רעכט צום לעבן...

# דער שלום
# און דער איד

•

מיט א שטעקן אין דער האנט
וואנדערן פון לאנד צו לאנד
דער שלום און דער איד...
די וועלט וואלט וועלן האבן שלום,
ס'לאזט זיך אבער אוים א חלום,
ווייל... "דער איד דערלאזט עס נישט"!

טענות האט ער גאר נערעכטע
און הבטחות — נישט קיין שלעכטע...
נאר צו תכלית קומט עס נישט
קאן די וועלט קיין שלום האבן,
ווייל זי וויל דאס רעכט באגראבן
און... דער איד דערלאזט עס נישט...

וואנדערט מען פון סאן־פראנציסקא
מ'פארפארט אזש ביז פאריז
אין מאסקווע ברעכט מען אויך די מוחות
און צו שלום קומט עס נישט
שוין פארפלויגן ביז ניו־יארק —
איז דאס שוין דאס לעצטע ארט?
דער שלום קאמף גייט אן,
נאר ס'האט אויפסניי דער איד
אריינגעריקט זיך אין דערמיט —
דער שפיל הויבט זיך ערשט אן!...

אלע לענדער אויסגעשפרייזט
איבערגעלעבט אלדאס ביז,
הונגער, נויט און פיין,
וויל ער מער נישט פאר דער וועלט
וואס האט אים דעם וועג פארשטעלט
קיין אומזיסטער קרבן זיין...

דער איד וויל זיין מיט פעלקער גלייך
ער שרייט: אט ווארענען מיר אייך
ערשער! האנדלט ריין!...
ביז דער איד האט נישט קיין רעכט
ס'איז דא א האר און דא — א קנעכט
וועט קיין שלום זיין!...

# מיר און זיי

•

מיר און זיי
זיי און מיר —
אונזער וועלט
איז שטארק פארפירט
מענטשהייט טיילט זיך איין אין קלאסן
און זי גרויסט זיך
לויט די ראסן..
ס'גייט קיין איין דור נישט פארביי
עס זאל נישט זיין קיין קריגעריי
א מלחמה גלאט אזוי,
שנאה צווישן איד און גוי...

אוים עס לאזט זיך נישט פארשטיין
וואס מיט וועלטל איז געשעהן
מענש וויל לעבן פויגל - פריי
זיי און — מיר, מיר און — זיי...

פלוצים הערט זיך א געשריי:
מ'טאר קיין רעכטן געבן זיי
אידן זענען נישט קיין פיינע,
ס'איז א ראסע א געמיינע
וויל באהערשן גאנצע וועלט
אימפאנירן זיך מיט געלט!...

גייט אן ווייטער שנאה - שפיל,
שוין יאר — טויזנטער אזוי...
און די וועלט בלייבט א צוטיילטע,
זיי און — מיר, מיר און — זיי...

# רויך...

שווארצע קוימענס, ווי דאס מזל
פון אונז אידן אויף דער וועלט
האבן געשפארט רויך צום הימל
זיי האבן אזש די זון פארשטעלט...

אויוונס שטענדיק איינגעהייצטע
ברידער האבן — דארט געברענט
און פארמיידן אט דעם גורל
האבן ווייניק נאר געקענט...

אין מיידאנעק, אין אסווענטשים
אין בעלזן און אין בוכנוואלד,
פון קוימענס האט געזעצט דער רויך
פארניכטעט האט מען יונג און אלט...

און דער רויך האט פארשפרייט זיך
אנגעפולט וועלטס גאנצן רוים,
און די וואס זענען געבליבן
וואלגערן זיך אן א היים...

און קיין היים איז נאך נישטא
און שוין נישט קיין כח
זיינען פיל מקנא די
פארשוואונדענע אין רויך...

# יאוש...

יאוש איז קיין מיטל נישט
עס לוינט זיך נישט פארצווייפלען
מ'דארף סיי שלעכטס און סיי דאס גוטס
אויפנעמען מיט שמייכלען...

אויב עפעס איז דיר נישט קלאר
עס לייגט זיך דיר נישט אויפן שכל
קלער נישט! נעם עס אן פאר וואר
און גיב דערביי א שמייכל...

ס'איז נישט כדאי צו גריבלען זיך
און זוכן מענטשלעכע טייוואלים
וועמען צו באשולדיקן
אין אט דעם מיאוסן חלום...

# עס איז טאקע...

עס איז טאקע א טרויעריק לעבן
און די טעג זענען נישט ווערט,
די ארבייט וואס זיי גיבן...
צו קעמפן קעגן שטורעם און געוויטער
אין א וועלט וואו וואסער איז נישט ריין
און דאס ברויט איז ביטער
וואו דער מענטש דעם צווייטן נישט פארשטייט
און ער גייט, און ווייסט נישט וואו ער גייט...

די מי, וואס קאסט דאס טעגלעכע
ארעם שטיקל ברויט
האט געהאט אן אנהויב און וועט אויך האבן א סוף
עס וועט אבער נישט גרינגער ווערן
נישט אויפהערן די נויט
דערמיט וואס דו וועסט שעלטן
דעם שווערן הארטן יאך...

ווי צו דעם, וואס זעט נאר טרויער
אין טראגישן ווירוואר
און געפינט נישט קיין שום פרייד
אין זיין לעבנס - קארנאוואל
ווי צו דעם, וואס האט נאך אויגן
אויף צו זען די נויט
און נאך מער איז ווי צו דעם
וואס קעמפט בלויז פארן ברויט...

# די דריי גרויסע

•

דריי גרויסע חסרונות
האט אונזער וועלט
דער ערשטער חסרון:
זי ווערט רעגירט דורך געלט.

דער צווייטער חסרון —
דער נעראנגל נאך מאכט,
געוויסן און יושר
קומט נישט אין באטראכט.

דער דריטער חסרון איז:
מחמת דער אמת,
האט ווינציקער ווערט
פון צעריסענע שמות.

דער עגל הזהב
איז דער איינציקער גאט
"וועד רייך" — אזוי לייענט זיך
דאס ערשטע געבאט.

דער מאכט האבער האט נאר
אין זין זיך אליין,
נאך אים, מעג אפילו
די וועלט אונטערגיין!

און וויל נאר דער שטארקער
דעם שוואכן באזיגן
מער ווי הארמאטן
באנוצט ער — דעם ליגן...

* * *

אט די "דריי גרויסע"
געלט, מאכט און ליגן,
האבן דער מענטשהייט
דאס פנים פארשפיגן...

דורך צענדליקער דורות
די פעלקער צורים
ניט דערלאזט זיי
דעם אייגענעם גורל באשליסן...

זיי האבן פארקערט
צו קריג נאך דערמוטיקט
און אונזער וועלטל
דאס פנים פארבלוטיקט...

איצט זיצן די "גרויסע"
אויף שפּיץ פונם חורבן
און ווילן דער מענטשהייט
מיט שלום באַזאָרגן...

געקומען צו פליען
פון ווייטע מלוכות
ס'הייסט. אַז זיי טוען
אַ "הייליקע שליחות"...

נאָר, ווילן זיי ריכטיק
די פעלקער פאַרבינדן,
איז נויטיק דאָס לעבן
אויף יושר באַגרינדן!...

ווי עס פעלט יושר
קאָן נישט זיין פרידן
און עס בלייבן זיך שונאים
גויים און אידן.

זאָלן מיר דערווייל נאָך נישט
הויבן די כוסה,
ווייל ווער קען דען וויסן
דעם מיין פון די "גרויסע"...

# סודות...

•

שוין דא נאט צו דאנקען א פעלקער־פארבאנד
געגרינדעט אויף נייע יסודות,
וואו פעלקער און לענדער זיינען פארטראטן,
ס׳וועט נישט זיין מער פאר קיינעם קיין סודות...

א קליינטשיקער סוד בלויז — די אטאמישע באמבע
וועט דערווייל בלייבן פארהוילן
און נאך א קליין סוד׳על וועגן דעם גורל
פון אונזערע ברודער אין פוילן...

עס בלייבט אויך א סוד: וואס ס׳קאן נאך געשען
מיט אידן אין אנדערע לענדער,
וואס לעבן אויף הפקר, אין פיין און אויף צרות
„באפרייטע" פון מערדער און שענדער...

נאר איין זאך איז קלאר, פאר קיינעם קיין סוד נישט,
אז אידן טארן נישט שווייגן,
דעם גורל פון פאלק און אונזערע רעכטן
קאנען נישט פרעמדע אנטשיידן...

•

# עקסאָדוס 1947

•

עס פאַרן פיר טויזנט פינפהונדערט צוואַמען
ווי ביי יציאת מצרים, זיי שפּאַלטן די ימים
יונגע און אַלטע, זיידעס און באָבעס
זינגען התקוה מיט גרויס התלהבות...

דאָרט וווייט ביי די ברעגן, עס וואַרטן זיי ברודער
אין אייגענעם היימלאַנד, — זיי קומען שוין ווידער
צום ים־ברעג באַגעגענען שארית הפליטה
לעבן געבליבענע, נאָך זעקס מיליאָן טויטע...

זיי קומען אַליץ נעענטער, צום לאַנד צוגעזאָגטן
זוכן אַן אָפּרו, פאַרן גוף דעם געפּלאָגטן
אַ טרייסט דער נשמה, פון אַנגסטן צופרעסן
אַ היים, וואו זיי וועלן די ליידן פאַרגעסן...

נאָר אָט גייט אַ וואָלקן, אַ צווייטער, אַ דריטער
ס'ווייזט זאַך אויף הימל, אַ שרעקלעך געוויטער...
דאָס האָבן פּיראַטן גענומען זיך יאָגן
מיט שיפן נאָך "עקסאָדוס", גרייט זיך צו שלאָגן...

זיי איילן זיך שנעל דעם וועג צו פאַרלויפן
עס זאָלן חלילה אויף וועלכען ס'איז אופן
אידן פאַרמוטשעטע, דאָס לאַנד נישט דערגרייכן —
אַ שיף מיט אַ צאָל, וואָס האָט נישט קיין גלייכן...

געזעץ איז געזעץ, מען מוז רעספּעקטירן
עס העלפט נישט דאָס פאָדערן, "עפנט די טירן!"...
דער וועג ווערט פאַרמאַכט, די שיף איז באַפאַלן
אַנשטאָט די נאַצים, ענגלאַנדס שאַקאַלן!...

נאָך העפטיק געשלעג און פיל נייע קרבנות
הויבן זיך אָן די נייע הכנות...
פּליטים צוריק אין גלות צו טרייבן
אידישער ווייטיק איז נישט צו באַשרייבן...

אויף דריי גרויסע שיפן, מ'טיילט זיי פאַנאַנדער
די שארית הפליטה, צוריקוועגס שוין וואַנדערט
— נו, וועט אַמאָל נעמען אַ סוף צו רציחות
פון נאַצישע באַנדעס אין בעווינס מלוכה?!...

# הונגער שטרייק

•

עם וויגן זיך דריי שיפן
פאַראַנקערטע און וואַרטן
אַ באַפעל צו לאָזן זיך אין וועג
זייער לאַדונג — מענטשן
פון אפשטאַם — אַ באַקאַנטן,
אידן יונג און אַלטע,
וואָס לעבן דאָרט אין שרעק.

מ'האט צוריקגעטריבן
זיי, פון היימלאנדס־ברעגן,
ווילן זיי פון שיפן
נישט אראפגיין מער;
גענוג שוין זיך געוואלגערט
אויף לענדערס אלע וועגן,
געשלעפט זיך און געפארן הין און הער!...

זיי זענען גרייט צו שטארבן
פון הונגער, אויב ס'איז נויטיק
האבן זיי א הונגער־שטרייק דערקלערט
וואס איז דען דער חילוק.
צו שטארבט מען אויף די ימים
צו לאזט מען די נשמה
אויף פארוויסטער פעסטער ערד!...

צו האט פאסטן געהאלפן
האבן מיר געזען
און צוגעשטעלט צום שאנד־סלופ, וועלטס
געוויסן
דער טאג מוז אבער קומען
וואס ס'זאל נישט געשעהן —
די האס־כוואליע צו אידן
מוז ווערן צוריסן!....

# נאָך שנעלער

•

נאך שנעלער ווי דאס ליכט
און שטארקער פונם ווינט אין פולן גאנג
פיל טיפער פון די ימים
איז דער מענטשלעכער געדאנק...

גלייך ווי פלאמיק פייער
דערגרייכט ער אלע וועלטן
קיין שטערונג און קיין גרעניץ
קאן אים נישט פארהאלטן...

מיר וואלטן געדארפט לערנען
ביי די עלעמענטן
וואס יאגן ארום פרייע
ווי דער געדאנק פון מענטשן...

אלע גלייך געניסן
פון אלדאס גוטס אין לעבן,
וואס מיט ברייטער האנט
נאטור האט אונז געגעבן...

די חיות אין די וועלדער
פילן זיך נישט פרעמדע
אין קיין ארט
פון ערדישן פלאנעט.

נאר דער מענטש, וואס גלויבט זיך
קעניג פון דער שאפונג
האט פון זיינע קייטן
זיך נאך נישט באפרייט...

# העלדן...

•

א העלד איז נישט דער,
ווער ס'קען מיט נעווער
פארניכטן מענטשלעכע לעבנס,
נאר דער וואס באגרייפט
און איז גענוג רייף
זיין לעבן אן איגהאלט צו געבן...

עס איז אויך נישט קיין העלד,
ווער מיט אויגן פארשטעלט
פאלגט בלינד אויס פרעמדע באפעלן,
און ברענגט זיך אלס קרבן
פאר פאלשע באגריפן
ווענן כלומרשט'ן ווערט פונם לעבן...

א העלד איז בלויז יענער,
וואס כאפט אויף די טענער
פון מענטשלעכן גייסט און געוויסן,
און העלפט זיינע ברידער
דערהויבן זיך ווידער
דורך קאמף, פארן אמת און וויסן...

עס איז אויך א העלד
ווער ס'ווייסט, אז די וועלט
איז רוי נאך, ברוטאל און פארדארבן
און גיט אפ זיין מי
זיין ארבעט און רו
אין קאמף פאר א שענערן מארגן...

Letra: E. Gross.

# Heldn

Musica: B. Feuer.



# דער צירק

•

עס איז אונזער וועלטל, א ציר ק פול מיט חיות
און קלאָגנס וואָס מאַכן משונה הוויות,
דער בריטישער לייב איז מלא רציחה
עס איז אים הפנים דאָס לעבן נישט ניחא...

דער רוסישער בער וויל אויך זאָגן דעות,
ווי אַזוי צו באַהאַנדלען מענטשן און חיות
און ס'גייט אַן דער קאַמף אויף לעבן און טויט,
עס מערן זיך באַמבעס און ס'שטאַרקט זיך די נויט

דער פוקס פון אַמעריקע, קוקט צו אין דער שטיל
און טראַכט זיך: עס לוינט מיר דער דאַזיקער שפּיל...
עס ציטערן לעמער. ס'אַנטלויפן די האָזן
דער לייב האַלט אין זוכן אַ "שעיר לעזאזל"...

נאָר ס'וויל נישט דער "שעיר" זיין מער קיין קרבן
ער געדענקט גוט דעם געכטן און קעמפט פאַרן מאָרגן
אויף זיין רעכט פאַרן לעבן וועט ער באַשטיין
און אויב ער דאַרף שטאַרבן, — זאָל דער ציר ק אונטערגיין!...

# סם . . . .

•

סם איז דא פארשידענער
צו סמ'ען מוראשקעס און פליגן
און א סם פארן געוויסן
מ'רופט דעם סם אן — ליגן...

וויסנשאפטסלייט, גרויסע קעפ,
טאג און נאכט זיי קלערן
ווי אזוי צו שטיקן מענטשן
אנשטאט זיי דערנערן...

וויזוי אים אפסמ'ען דעם קערפער
פשוט אויס נקמה
און וואו מ'קאן דאס נישט דערגרייכן —
סמ'ען די נשמה...

מ'האט פאבריקן אויפגעשטעלט
גאנצע ארסענאלן
מ'זאל חלילה אין דער ארבעט
נישט דארפן דורכפאלן...

אויסגעסמ'ט א האלבע וועלט,
די צווייטע העלפט באשפינן
איינגעשפארט דעם ריינעם אמת
פריינגלאזט דעם — ליגן...

שטיקט זיך מענטשהייט מיטן סם
און ראנגלט זיך ווי ריזן
נאר באפרייען זיך פון ליגן
האט זי נאך נישט באוויזן...

# אונזער ווע‎לט‎ל

•

וואס איז פון אונזער וועלטל געווארן
זייט איך אומעטיק און טראכט,
דער מענטש האט דאס צושניטן אויף קליינע שטיקלעך
און א גרויסן טייל שוין חרוב געמאכט...

וואלט דען נישט געוועזן פיל בעסער
א גאנצע און פרייע וועלט,
מיר זאלן נישט וויסן מער פון גרענעצן און פעסער
און נישט זיין פארשקלאפט ביי דעם געלט?...

דער מענטש האט זיך געשאפן פענער
פון קאלירן אלערליי,
און יעדער פאלק וויל האבן, אז זיין פאן איז שענער
און נאר זיין לאנד האט רעכט צו לעבן פריי.

די מענטשהייט וועט פון לעבן נישט געניסן
ביז ס'גייט אן דער שפיל פון "ארעם און רייך"
די וועלט מוז רעגירט ווערן דורך געוויסן
אלע פעלקער זאלן לעבן גלייך...

•

# שוין גענוג!

•

עס קרייט שוין דער האן
א נייער טאג קומט אן
שוין גענוג געוועזן פינסטער
דאס ליכט צינדט זיך שוין אן...

ליכטיק אויף דער וועלט
הושך אפגעשטעלט
זון פארפלייצט די גאנצע ערד
א פרייד—געזאנג מ'הערט

דער מענטש וויל מער נישט גיין
אונטער יאך פון האר,
שקלאפן פאר א הונגער־לוין
און דאנקען נאך דערפאר...

קענן ווילדער מאכט
גייט אן די לעצטע שלאכט
אט פארגייט דער לעצטער שאטן
פון דער לאנגער נאכט...

•

# טרערן

•

ס'איז דער הימל פול מיט שטערן
אין די אויגן פינקלען טרערן
שטיל פרעגן זיי ביי די שטערן:
וועט אונז אמאל גרינגער ווערן?

רוצחים ווילן וועלט צושטערן
זעען נישט דער מאמעס טרערן
און דעם טאטעס זיפץ דעם שווערן,
ווילן זיי אויך נישט דערהערן

שטייען מענטשן און זיי קלערן,
קוקן ארויף צו די שטערן
קען די וועלט שוין נישט דערפילן
אפילו די קינדערס טרערן?

אויסגעטרוקנט זאלן ווערן
קוואלן ליידן, ימים טרערן
ביז ווען וועלן שונאים שטערן,
אז ס'זאל קאנען שלום ווערן?!...

•

# זייט גרייט!

•

זייט גרייט מיינע ברידער, עס זיצט שוין די "אונ"
אונזער פראבלעם שטייט איצט גאנץ אויבנאן...
עס האט די קאמיסיע, (די ניינצנטע שוין)
געפאסט א באשלוס וועגן שיבת ציון...

מ'זאל נעמען דאס לאנד, דאס קליינטשיקע, אוי
צוטיילן אויף שטיקלעך, אויף דריי, אט אזוי:
א שטיקל דעם איד, א שטיקל דעם גוי
דער ערשטער איז — מיר, דער צווייטער איז — רוי..

און ירושלים — פונקט אין דער מיט —
צווישן אראבער און צווישן דעם איד.
זאל זי, די הויפט שטאדט, די הייליקע דארט
בלייבן פאר אלע, דאס הייליקע ארט...

דער איד זאל דארט קאנען דאונען גיין
צום כותל מערבי און מיט זיין געוויין
בעטן מפלה אויף שונאים פון פאלק,
וואס האבן געמאכט אין לאנד אזא טאלק...

דער "הייליקער" מופטי, זאל אויך האבן רעכט
צו בעטן אין מעטשעט פאר מאהמעדס קנעכט...
און פאר די קריסטן (פארוואס טאקע ניט?)
א ביסעלע רעכטן — פונקט אין דער מיט...

אזוי זאל פון לענדל, וואס האט אמאל
גערופן זיך פשוט, ארץ ישראל
ווערן צוויי לענדער, מיט חסד פון "און"
אין איינעם זאל פלאטערן, די אידישע פאן...

אין דער צווייטער העלפט, הערשן זאל מופטישער גייסט
די באדייטונג דערפון, איז פאר אונז נישט קיין נייס...
עס וועט נישט זיין מיינס און אויך נישט זיין דיינס,
א שותפות אין דרייען אין א לענדל א קליינס...

און טאמער געפעלט אונז נישט, נו זשע —איז וואס?
איז דען נישט בעווין דארט בעל הבית?...
זייט זשע גרייט ברידער, פארלירט נישט דעם מוט
שלעכט איז שוין געווען, איצט מוז ווערן גוט!...

עס ליגט אונזער גורל אין הענט פון דער "און"
וועלן מיר האבן נחת דערפון
צו וועלן די פעלקער איצטיקעס מאל אויך
לאזן פארגיין אונזער האפנונג אין רויך?...

# אידן
# און קריסטן

•

אידן און קריסטן.. ..
צוליב דעם זעלבן מאטיוו
וואס דו ביזט א קריסט
בין איך, — דיין ברודער
געבוירן — א איד
נישט איך און נישט דו
האבן געוואוסט,
אז שנאה און קנאה
וועט שטיין אין דער מיט...

מיר ווינען געבוירן
דו דארט און איך דא
געווען פאר די מאמעס
די גליקלעכע שעה...
דיין מוטער און מיינע
צוויי מאמעס — פול הארץ
וויסן קיין חילוק —
פון ווייס און פון שווארץ...

די וועלט איז א פרייע
ס'איז קיין גרענעץ נישטא
צו עלטערנס ליבע
נישט דארט און ניט דא...
דאך... ווערן מיר גרויסע
ס'א ביטערער שפאס
צוטיילט אונז א וואנט
פון קנאה און האס...

מיר ווערן זיך שונאים
און שום פארוואס
כאטש ס'גרינט זיך פארביידן
דאס זעלביקע גראז
מיר שעפן גלייך ביידע
די זעלביקע לופט
און שמעקן אינאיינעם
פון בלומען דעם דופט...

עס טײלן אונז אפּ
מאַטיוון אָן זין
נישט איך און נישט דו
זײנען שולדיק דערין..
טרײסל זיך אָפּ
פון דעם האַס וואָס אין דיר
און שטרעק אויס מיט ליבע
דײנע אָרעמס צו מיר!...

זײ מיר אַ ברודער
ווי איך בין צו דיר
זאָלן מיר שליסן
פון שנאה די טיר...
און באַלד באַווײזן
דער וועלט זאַלבאַנאַנד
אַז ס׳איז נישט קײן חילוק
אין וועלכן. לאַנד
עס זײנען געבוירן
דער איד און דער קריסט
דער שוואַרצער, דער ווײסער
דער טערק, דער בודיסט

וואַרף וושע די שנאה
און קנאה אַוועק
און זאָל צו די פּאַלגן
נעמען אַן עק!...

●

# מ'דינגט זיך

היסטאריש — זאגן שונאים
איז נישטא קיין רעכטן
אויף דער היים וואס אידן
פאדערן פאר זיך
און זיי טוען אלעס,
מיט גוטן און מיט שלעכטן
דאס אידישע פראבלעם
צו אפטרייסלען פון זיך...

דינגען מיר זיך
מיט דער וועלט
אלס אידן און אלס מענטשן
און פאדערן פון איר:
דעקט אונז אויף די קארט,
נעמט אראפ די מאסקע
וואס באהאלט דעם אמת
ווייזט אונז אייער פנים,
זאגט אונז אייער ווארט!...

נאר די וועלט
וואס האט אונז קיינמאל
נישט געוואלט פארשטיין
וויל, מיר זאלן איינגיין
מיט איר אויף א פארגלייך...
מיר ווילן אבער מיט עקשנות,
קעמפן ווייטער פארן רעכט
וואס קומט אונז אלס פאלק
מיט אלע פעלקער גלייך...

# צום נייעם יאָר

•

אט זיינען שוין דא די פארכטיקע טעג
עס רעשט זיך אין הימל, ס'באפאלט אזש א שרעק
ס'שטופן זיך פעלקער צום "העכסטן געריכט"
עס זיצט "כביכול" און הערט דעם באריכט:....

פינף יאהר לאנגע, דער קריג האט געדויערט
נאך מיליאנען נפשות, די וועלט איז אין טרויער...
פעלקער און לענדער, .סיי גרויסע, סיי קליין
האט מען געצוואונגען אין בלוט־באד אריין..."

נאך גרוויליקער טבילה, פון בלוט און פון בליי
הילעבט אויך אפ א אידיש געשריי:
עד מתי! רבונו של עולם, ס'איז צייט
אונז אויך צו באגליקן מיט אביסעלע פרייד!...

מיר האבן פאר וועלט, פיל קרבנות געבראכט
טויזנטער אידן, געפאלן אין שלאכט
א דריטל פון פאלק, אין די אויוונס פארברענט
אלטע און יונגע אויף קידוש השם!....

אויפמערקזאם אויסגעהערט טענות פון וועלט
האט "כביכול" אט די פראגע געשטעלט:
— האב איך דען געגעבן דעם מענטשן די ערד
ער זאל זי צוטיילן, דורך פייער און שווערד?...

פארוואס לאזט איר אוים איצט
צו מיר אייער כעס
קאן דען זיין שלום
אז ס'הערשט קנאה און האס?...

"ואהבת לרעך" —
איז מיין געבאט
אויב איר קענט אייך נישט ליבן
טא, וואס האט איר צו גאט?!...

# כפרות

•

עס איז אונז נאט צו דאנקען גוט
ס'פעלן נישט קיין צרות
מיר וואלטן מיט דער גאנצער וועלט
געמענט שלאגן כפרות..

ווייל, צו וואס רעדן טויג זי אונז
אז מיר האבן אויף איר קיין פלאץ נישט
קיין פאלק נים זיך וועגן אונז
אפילו קיין קראץ נישט...

"בני אדם" — וואלטן מיר
שוין לאנג געמענט איר זאגן
אזוי וואלט קיין ארט-נישט געווען
וואו אידן צו שלאגן...

# בני אָדם

•

בני אדם יושבי חושך
פינסטערניש הערשט אויף דער וועלט
האַס און שנאה זענען גובר
פאַר יושר איז דער וועג פאַרשטעלט...

זינדיק איז די גאַנצע מענטשהייט
ליגט אין שאול תחתיה טיף
ראַנגלט זיך מיט אַלע כחות
פון דאָרטן צו באַפרייען זיך...

הויבט דעם קאָפּ אויף אין דער הויך
קעמפט פאַר פרייהייט און פאַר רעכט
ס'קעמפן אָבער אויך די כחות
וועלכע האָבן איר פאַרקנעכט...

טאָג און נאַכט גייט אָן דער קאַמף
ביי זון און ביי לבנה שיין
ס'וויל קיין איינער פון די צדדים
פאַרן צווייטן די כפרה זיין...

•

# ארבע כוסות

•

דער ערשטער כוס —
אַ כוס פֿון פֿרייד,
ס'האָט דאָס פֿאָלק
פֿון קנעכטשאַפֿט זיך באַפֿרייט.

דער צווייטער איז,
אַ כוס פֿון נויט
דער קאַמף פֿאַר וואַסער
און פֿאַר ברויט.

נאכדעם קומט
דער דריטער כוס —
ער האָט אויך שוין
זיין "פּאַרוואָס!"

דאָס איז דער כוס
פון אונזער גלות
פול פּאַגראָמען
און בהלות...

און צום סוף —
דער כוס דער פערטער
דערציילט פון זיך
מיט אט די ווערטער:

"איר זעט דעם כוס
דעם גרויסן, שווערן
דאָס איז ער פול
מיט אידנס טרערן...

בעט איך נאָר
ביי דיר דעריבער:
שטראָף נישט מער —
דער כוס גייט איבער!...

# עשר מכות

(א הספר נאך היטלערן)

•

דם — דאס בלוט וואס האסט פארגאסן
דורך געסטאפא גזלנים
האט געשפריצט פון דיינע יעקים
"פירער" — גלייך צו דיר אין פנים!

צפרדע — פרעש וואס קוואקען
אין זומפ פון נאצישן געוויסן
האבן זיי געבראכט מפלה
און פאר דיר — א סוף א וויסטן.

כנים — לייז אין די מיליאנען
אנטלאפענע פון געטא היימען
פרעסן דיינע באטאליאנען
און געטאס — איז נישטא שוין ווער...

ערוב — א געמיש פון חיות
ווילדע, וואס האסט אפגעלאזן
כוליגאנעס, מאסן מערדער
וועלן דייטשלאנד נישט פארלאזן...

דבר — מארד וועלן זיי ברענגען
אין די דייטשע שטעט און דערפער
זיי פארשטייען די מלאכה
דארפן דערצו נישט קיין העלפער.

שחין — א פארעך א געדיכטער
וועט צופרעסן קעפ פארטעמפטע
פון תלינים — "ריינע אריער"
פאר קדושים אונזערע, פארברענטע...

ברד — ס'האט געהאגלט פייער
אויף דעם "דריטן רייך" דעם דייטשן
זיי האבן שוין דערפילט די הארן
דעם טעם וואס ס'האט דער שמיץ פון בייטשן

ארבה — ווי די הייישעריקן
זיינען זיי באפאלן לענדער
אט די ווילדע נאצי־דערשטיקער
קינדער־מערדער, פרויען שענדער...

חושך — האבן זיי פארשפרייט
איבער האלבער וועלט א פרייער
האס פארפלאנצט טיף אין די הערצער —
האט הימל זיי געצאלט מיט פייער...

מכות בכורות — איז די מכה
וואס מ'האלט זיי נאך אין נעבן
מיר וועלן נאך לעבן פרייע
אלע המנ'ס איבערלעבן!...

# דיינו!

·

דו האסט נישט געהערט
ווען מיר האבן צו דיר זיך געווענדט
בשעת מ׳האט קינדער געקוילעט
און אונזערע טעכטער געשענדעט...

פון היימען פארטריבן
מיט בייטשן געיאגט,
באהאנדלט ווי שקלאפן
אונז אין געטאס געפלאגט...

מיליאנען געשטארבן
אויף קידוש השם
און ס׳האט אפילו
נישט געציטערט דיין ברעם...

און איצט שוין "באפרייטע"
מיר קוקן ארויף
און זוכן׳ דיך גאטעניו
דארט אין דער הויך...

איבערגעפולט איז דער
כוס שוין פון פיין
עס גייט שוין אין אים
מער קיין טרער נישט אריין.

מיר זענען שוין זאט
פון הבטחות אן שיעור
און ווילסטו מיר זאלן
נאך גלויבן אין דיר?!...

זאלסטו באווייזן
אז דו ביזט א גאט
עס זאל רעספעקטירט ווערן
דיין יעדער געבאט!

הערשן זאל ליבע
פון מענטשן צו מענטש
אזוי וועט דיין נאמען
ווערן געבענטשט...

דיינו — גאט
עס איז שוין צו פיל
זאל נעמען א סוף
צו דעם טרויעריקן שפיל!...

# אקדמות

אקדמות מלין
פון היטלערס מפלה
דארפן מיר פארערן
א נערעכטע ממשלה!

מער פון אלע פעלקער
האבן מיר געליטן
אין די מיליאנען
געווארן פארשניטן.

מיר שלעפן ארום
אונזער קערפער דעם מידן
ס'איז נאך אלץ ניט פאראנגען
קיין מנוחה פאר אידן.

עס זיצן קאנגרעסן
ביי אפענע טירן
שלוחים פון פעלקער
אין אלע קאלירן...

ס'איז ניט פארשטענדלעך
וואס מ'איז אויסן
מיט לאזן די אידן
שטענדיק — פון דרויסן...

מוזן מיר פאדערן
רעכט, ניט רחמנות
אויפהערן בעטן זיך
נישט באנוצן שתדלנות...

אבער מיר זענען
א פאלק — נישט קיין קללה...
אז ניט, צי וואס טויג אונז
היטלערס מפלה?!...

●

# טענער

•

טענער טיפע, טענער הויכע,
שיין קלינגענדע טענער — ווייכע,
דריקן אלע אויס געפילן —
פרייד און טרויער וואס מענטשן פילן...

עס איז פול די וועלט מיט טענער
איינער טיפער, איינער שענער
ס'פעלן בלויז נשמה קענער
וואס זאלן פארשטיין די טענער...

ווייסן, וואס זיי ווילן זאגן
פילן וואס די טענער קלינגען
ווייטיקן, ווען טענער קלאגן
פרייען זיך ווען טענער זינגען...

•

# אזוי צו אזוי...

מיר האבן זיך ביי וועלט דערדינט
זי זאל מיט אונז קלינגען
און האבן פון איר נאך ביז היינט
צו זאגן און צו זינגען..

וואו א צרה, זיינען מיר
די ערשטע אויפן פייער
אידיש לעבן האט קיין ווערט
גויאיש איז בלויז טייער!...

אלע פעלקער פון דער וועלט
האבן רעכט צום לעבן
נאר אונז אידן וויל מען נישט
דאס דאזיקע רעכט געבן...

ארבעטן מיר — טויג דאס נישט
מאכן מיר זיי קאליע
האנדלען מיר — אוודאי נישט
אך! א בייזע דאליע...

לערנען מיר צו ווערן רייף
באהילפיק׳ צו זיין מאסן,
און מיר ווילן מישן זיך
צווישן אלע ראסן...

האט עס ווידער נישט קיין ווערט
מיר שטעבן זיי די אויגן
די מענטשהייט איז הפנים נאך
נישט גענוג דערצויגן..

ווילן מיר אן אייגן לאנד
דארט אין ארץ ישראל,
לאזט מען אונז דארט אויבעט נישט
געפינען אונזער גואל...

וואלטן מיר זיך לעבן פריי
אין גלות שוין בשלום
איז עס דאך שוין מער נישט ניי
אז דאס איז אויך א חלום!...

טא איז וואו, אויף וועלכער ארט
זאלן מיר פארט לעבן
אפשר וואלט די "קלוגע" וועלט
אן עצה געקאנט געבן?...

# שטימונגען

•

דעם מענטשנ׳ס געפילן
זיינען די סטרונעס פונם האַרץ
מ׳דאַרף נאָר קאָנען אויף זיי שפּילן
איינעם שפּילט מען, הימל־מוזיק
דעם צווייטן וואַלקן — שוואַרץ
עס ווענדט זיך
ווער עס שפּילט אויף די געפילן...

איינער פילט זיך גליקלעך,
אַז אַלץ אַרום איז גליק.
און אַנדערן נייט גאַרנישט אַן דער צווייטער
ער פילט זיך בעסער, אַז ער זעט
אויף יענעמס האַלז אַ שטריק
— און אויב יענער, איז גליקלעך —
ליידט ער!...

אַזוי איז דאָס ביים יחיד,
אַזוי ביי פֿעלקער גרויסע,
די סטרונעס פֿון די הערצער
פֿון מענטשלעכן געפֿיל
וואַרטן אויפֿן קינסטלער
וואָס זאָלן קאָנען שפּילן
די מוזיק פֿון פֿאַרברידערונג
א ניגון — ווייך און שטיל...

אָן פּויקן און אָן טאַצן
אָן באַס און אָן טראָמבאָן,
אָן רעש און אָן געפּילדער
אָן א י י ן פֿאַלשן טאָן...
ווייל די סטרונע קאָן נאָך פּלאַצן
און זיך ענדיקן דאָס שפּיל
און נאָך מער פֿאַרדאַרבן
דאָס מענטשלעכע געפֿיל...

# אינהאלט:

זייט

אל מלא רחמים ........................ 3
אויף אלע וועגן ........................ 5
העלפט ........................ 7
וואנדערער ........................ 8
וואנדערער (מוזיק ב. פייער) ..... 9
הבטחות ........................ 10
נעכטן און היינט ........................ 11
דור הפלגה ........................ 13
צו מיין שוועסטער אין בוכנוואלד 15
פון מיין ברודער ........................ 17
זיי לעבן ........................ 18
ואלה המשפטים ........................ 21
דער שלום און דער איד.......... 23
מיר און זיי ........................ 25
רויך . . . ........................ 26
יאוש . . . ........................ 27
עס איז טאקע ........................ 28
די דריי גרויסע ........................ 29
סודות . . . ........................ 32
עקסאדוס 1947 ........................ 33
הונגער שטרייק ........................ 35
נאך שנעלער ........................ 37
העלדן ........................ 38
העלדן (מוזיק ב. פייער) .......... 39
דער צירק ........................ 40
ס ס . . . ........................ 41
אונזער וועלטל ........................ 42
שוין נענוג! ........................ 43

טרערן ........................... 44
זייט גרייט ! ..................... 45
אידן און קריסטן ................ 47
מ׳דינגט זיך ..................... 50
צום נייעם יאר .................. 51
בפרות ........................... 53
בני אדם ......................... 54
ארבע כוסות ..................... 55
עשר מכות ...................... 57
ד י י נ ו ! ...................... 59
אקדמות ......................... 61
טענער ........................... 62
אזוי צו אזוי.. ................... 63
שטימונגען ...................... 65

HECHO EL DEPOSITO QUE
MARCA LA LEY

•

TODOS LOS DERECHOS
RESERVADOS

•

Impreso en los Talleres Gráficos "STAR" - Rosario - Rep. Argentina - 1947

# CANCIONES DE HOY DIA



**E. GROS**

PRECIO: $ 2.—